האָבן גערעדט דאָס וואָרט אין פּערגאַ, און זענען
26 אַראָפּ קיין אַטאַליאַ; און פֿון דאָרטן זיך אַוועק־
געשיפֿט קיין אַנטיאָכיען, פֿונוואַנען זיי זענען
איבערגעגעבן געוואָרן צו ג־טס חסד צו (טון) די
27 אַרבעט, וואָס זיי האָבן דערפֿילט· און אָנקומענדיק
אַהין, האָבן זיי צוזאַמענגעבּרענגט די קהלה, און
דערציילט אַלץ, וואָס ג־ט האָט מיט זיי געטון,
און אַז ער האָט אויפֿגעעפֿנט פֿאַר די גוים אַ טיר
28 פֿון אמונה· און האָבן פֿאַרבּרענגט נישט קיין
קליינע צייט צוזאַמען מיט די תּלמידים·

## קאַפּיטל פֿיפֿצן

1 און אייניקע זענען אַראָפּגעקומען פֿון (דעם לאַנד)
יהודה און האָבן געלערנט די בּרידער (אַזוי צו
זאָגן): אויב איר וועט זיך נישט לאָזן מל זיין כּדת
2 משה, קענט איר נישט געראַטעוועט ווערן· און
ווען עס איז געוואָרן אַ מהומה און נישט קיין
קליינע מחלוקה צווישן פּוילוסן און בר נבאן מיט
זיי, האָט מען באַשלאָסן, אַז פּוילוס און בר נבא
און אייניקע אַנדערע פֿון זיי זאָלן אַרויפֿגיין קיין
ירושלים צו די שליחים און זקנים וועגן דער
3 דאָזיקער שאלה· און ווערנדיק באַגלייט פֿון דער
קהלה, זענען זיי אַדורכגעגאַנגען פֿעניציען און
שומרון, און האָבן דערציילט וועגן דער־באַקערונג
פֿון די גוים, און פֿאַרשאַפֿט אַ גרויסע פֿרייד צו
4 אַלע בּרידער· אָנקומענדיק אָבער קיין ירושלים,
זענען זיי אויפֿגענומען געוואָרן פֿון דער קהלה
און די שליחים און די זקנים, און האָבן דערציילט
5 אַלץ, וואָס ג־ט האָט מיט זיי געטון· נאָר עס זענען
אויפֿגעשטאַנען אייניקע מאמינים פֿון דער כּיתה